בעזהשי"ת

קינדערגארטן

דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר

- קרית יואל יע"א -

נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן

כי תצא

תשע"א

## ✪ ברוכים הבאים

צום נייעם חודש אלול וואונטשט הנהלת הקינדערגארטן א ברוכים הבאים פאר אלע נייע צענדליגע קינדער קיעה"ר וואס זענען אריין געקומען דעם חודש אין פרי נורסערי. עס איז אונזער האפענונג אז איר וועט זיך גוט געפונען אונטער די אויפזיכט פון אייערע געטרייע איבערגעגעבענע מלמדים, און איר וועט אוודאי שטייגן מיט מדות טובות און יראת שמים ווי עס איז דער וואונטש פון אייערע חשובע עלטערן שיחיו.

## ✪ וואס איז דאס א תקיעה? שברים? תרועה

יעדן טאג ווען מיר הערן שופר בלאזן, לערנען מיר זיך צוביסלעך אויס וואס דאס מיינט א **תקיעה** – א גראדע בלאז, א **שברים** – דריי בלאזעלעך, און א **תרועה** – קליינע בלאזעלעך. מיר האבן שטארק ליב צו הערן א **תקועה גדולה... שמואל'י ווערצבערגער** נ"י האלט זיך אויך אינמיטן אויסלערנען און ער ווייזט פאר יעדן איינעם וויאזוי מ'בלאזט שופר. מיר לערנען זיך אויך אויס אז ווען מ'וועט אי"ה בלאזן שופר אין שול אום ראש השנה וועט מען דארפן זיין זייער שטיל און מ'וועט גארנישט טארן רעדן דעמאלס.

## ✪ די מעשה פון רבי חנינא בן דוסא

(פאר די גרעסערע קינדער) מיין רבי לערט מיך אויס אז אין די וואכעדיגע סדרה פון כי תצא געפונט זיך די מערסטע מצות פון אלע סדרות. איינע פון די מצות, איז די גרויסע מצוה פון השבת אבידה, אז מ'דארף צוריק קערן א פארלוירענע זאך און מ'דארף דאס אויסרופן, מ'טאר דאס נישט נעמען פאר זיך.

זעהן מיר קודם זייער אינטרעסאנט ווי איינער גייט שפאצירן און ער האט פארלוירן שליסעלעך און **שמואל מאיר אדלער** נ"י **יוסף דוב סימאן** נ"י האבן געטראפן די שליסלעך, זיי רופן אויס הויעך "השבת אבידה ווער האט פארלוירן שליסעלעך? זיי געבן דאס צוריק. נאכדעם זעהן מיר ווי איינער האט פארלוירן א בערזל און **יצחק הערש פרידריך** נ"י האט דאס געטראפן און ער רופט אויס הויעך "השבת אבידה ווער האט פארלוירן א בערזעלע?, און ער געט דאס צוריק פאר וועם ער האט דאס פארלוירן.

יעצט איז שוין יעדער זייער נייגעריג צו הערן די מעשה פון ר' חנינא בן דוסא... עפעס א גרודער הערן מיר פון אונטער די וואנט....(מע... מע...)

מיר זעהן ווי א איד **יוסף הערשקאוויטש** נ"י גייט זיך שפאצירן אויפן וועג, פלוצלינג ווערט ער זייער מיד, ער זעצט זיך אראפ זיך אפצורוען אביסל פון די שווערע וועג, שא קיינער וועקט אים נישט אויף, ביז ער וועקט זיך אליין אויף און ער לויפט שנעל ווייטער און וועג, אבער ער האט פארגעסן דארט די טשיקעלעך. גייט א דורך א תנא רבי חנינא בן דוסא - **לייבי ביקל** נ"י און ער זעהט די טשיקעלע, ווייסט ער שנעל וואס מ'דארף טוהן, ער הייבט דאס אויף און ער רופט אויס הויעך צוזאמען מיט אלע קינדערלעך "השבת אבידה ווערט האט פארלוירן טשיקעלעך? השבת אבידה ווער האט פארלוירן טישקעלעך? אבער קיינער רופט זיך נישט אן. האט ער געטראגן די טשיקעלעך צו זיך אהיים. וואס איז געשעהן מיט די טשיקעלעך? זיי האבן געלייגט אייער און עס איז געווארן









אסאך טשיקעלעך... (אונז געדענק מיר נאך אז פון אייער קומט ארויס טשיקעלעך..) מ'געט א עפן אויף די וואנט און מיר זעהן אויפאמאל אסאך טשיקעלעך אין א געיט.... הערן מיר ווייטער די מעשה אז רבי חנינא בן דוסא האט מער נישט געקענט האלטן די טשיקעלעך... ווייל עס איז געווארן מער און מער טשיקעלעך, עס איז מער נישט געווען קיין פלאץ און זיין הויז, אויך די שכנים האבן געשריגן אז די טשיקעלעך מאכן אסאך גערודער און זיי קענען נישט שלאפן ביינאכט, האט רבי חנינא בן דוסא אויפגעטוישט די טשיקעלעך און געקויפט אנשטאט זיי ציגעלעך. יעצט ווען מ'האט נאכאמאל געפענט די וואנט זעהן מיר א ציגעלע אין די געי"ט, מער נישט קיין טשיקעלעך. שפעטער קומט צוריק דער איד און ער זוכט זיינע טשיקעלעך, זאגט מען אים אז רבי חנינא בן דוסא האט דאס געטראפן, זאגט ער פאר רבי חנינא "אבער איך האב נישט פארלוירן קיין ציגעלעך נאר טשיקעלעך", האט ר' חנינא בן דוסא אים דערציילט וואס איז געווען, און די איד האט זיך זייער געפרייט צו זיין ציגעלע. רבי חנינא בן דוסא האט געטוהן די גרויסע מצוה פון השבת אבידה.

## ✪ *מיר גרייטן זיך שוין אויף סוכות*

די קינדער גרייטן זיך שוין צו מאכן זייערע הערליכע האנט ארבעט וואס מ'וועט אהיים טראגן אויפצוהענגען אין די סוכה. שטאפל ביי שטאפל באגלייט דורך די חשובע מלמדים ווערט עס שענער און שענער, ביז עס וועט זיין ענדליך פארטיג גרייט אויפצוהענגען אין די סוכה פאר א הערליכע נוי סוכה...

## ✪ *מזל טוב פון די וואך*

הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א הערצליכן מזל טוב פאר המלמד החשוב

מו"ה **אלי' ראטה** שליט"א

צום שידוך שליסן פון זיין טאכטער תחי'

דער אייבירשטער זאל העלפן דער זיווג זאל עולה יפה זיין און עס זאל זיין א קשר של קיימא און א בנין עדי עד

ווי אויך א מזל טוב פאר המלמד החשוב

מו"ה **אלכסנדר גלאנץ** שליט"א

צום געבורט פון זיין טאכטער תחי'

דער אייבירשטער זאל העלפן איר זאלט איר מגדל זיין לבעל תורה לחופה ולמעשים טובים איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע אייערע קינדערלעך געזונטערהייט עמו"ש

א ספעציעלע מזל טוב וואונטשט הנהלת הקינדערגארטן פאר

הרה"ח **מאיר הירש** שליט"א

מנהל המוסדות

צום אפשערן פון אן אייניקל הילד **שלמה אבערלענדער** נ"י

וואס לערנט ביי אונז אין קינדערגארטן

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך געזונטעהייט עמו"ש

---

חשובע עלטערן שיחיו

מיר בעטן אייך

**נישט פארגעסן אנצוטוהן דעם פי"ן פאר אייער אינגעלע**

**איעדן איינציגן טאג**

ביטע נעמט אין אכט אז עס גייען אהיים היינט צו טאג פון קינדערגארטן קנאפע

**אכט הונדערט קינדערלעך קיע"ה**

נ.ב. אויב האט אייער קינד פארלוירן זיין פי"ן, ביטע שיקן דריי דולער, וועט ער באקומען א נייע פי"ן.

---

# זיסע חכמה'לעך

✪

די מאמע זאגט פאר **חיים וועבערמאנ'ס** גרויסע ברודער אז דער הייליגער באשעפער זעהט אלעס וואס מ'טוט. רופט זיך חיים אן "אבער ס'איז דא וואלקענעס און דער הייליגער באשעפער איז צוגעדעקט"....

✪

לעצטע וואך האט **אברהם יוסף'לע מאוואס** באקומען א סטיקער מיט א טרעקטער וואס גראבט א לאך, רופט ער זיך אן "די טרעקטער מאכט א קרח"...

✪

מ'האט געפרעגט **אברהם מאיר בוכינגער** שבת ביי די סעודה, אויב ער גייט עסן טשולענט, זאגט ער "יא, איך האב א אינגל אין מיין חדר טשולעם נחמן"......

✪

מ'האט געהייסן **מרדכי'לע גלאנץ** אויפהייבן די קאו"ט פון די ערד, פרעגט ער "פארוואס? ס'איז הייליג?"....

✪

ווען מ'האט געענדיגט לייענען א חכמה'לע, רופט ער זיך אן "און דא לאכט מען"....

✪

מ'האט די וואך געלערנט אז מ'טאר נישט ארויף קריכן אויף א גערי"ט. פרעגט ר' אקער, מעג מען ארויס שטעקן די קאפ פון א פענסטער? רופט זיך אן **נפתלי צבי פאלאטשעק** "ניין, ווייל די קאפל קען אראפ פאלן"...

✪

**יעקב'לע שטיין** וויל פארשטיין. "מ'דארף ארויפליגן די הענט אויפן קאפ ווען מ'מאכט א ברכה, ווייל אזוי טוט מיין רבי. דעמאלס וויאזוי קען מען אנכאפן די ברויט מיט אלע צעהן פינגערס?"......

✪

ווען **יחזקא'לע קליין** איז געווען פליישיג האט ער געבעטן צו טרינקן "רויטע מילך". האט מען אים דערמאנט אז ער איז פליישיג, האט יחזקא'לע געזאגט "דעמאלס דארף איך פון די "בלויע מילך"....

✪

**יודא'לע** איז לעצטע וואך אהיים געקומען און דערציילט היינט איז געקומען א נייע רבי ער הייסט רבי סמך (סאמעט) ער גייט זיין אונזער רבי ביז נעקסטע וואך ווייל מיין רבי איז געגאנגען צו א פלאץ ווי ס'איז דא גוטע זאכן...(רבי סמך זאגט אז ווער עס גייט זיין וואויל גייט די רבי ברענגן גוטע זאכן) "אבער מיין רבי איז נישט געפארן צו יענע פלאץ, ער האט געוואקט... ווייל מיין רבי האט נישט קיין קאר"....

✪